**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/5/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הייסט פאר לאנג איילענד רעיל ראָוד צו מאכן סערוויס ענדערונגען צו פארבעסערן ערפארונג פון פאסאנזשירן**

***אנגעהויבן פון מאנטאג, מערץ 6 ווערן באנען צוגעלייגט צו ברוקלין און באנען צו פען סטאנציע ווערן פארלענגערט, צולייגנדיג וואגאנען צו אלע באנען וועלכע זענען געווען איבערגעפולט לעצטע וואך***

***פארמערנדיג דזשעמעיקע-ברוקלין סערוויס צו רעדוצירן ווי לאנג מען דארף ווארטן און דראמאטיש פארברייטערנדיג קאסטומער סערוויס אנוועזנהייט ביי דזשעמעיקע צו פארבעסערן קאמוניקאציע און טראנספערס***

***ווייזט אן צו נאכפאלגן נייגונגען פון פאסאנזשירן און פארזעצן צו צופאסן די סקעדזשולס באזירט אויף די פארלאנג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געהייסן די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) צו מאכן ענדערונגען צו די באנען סערוויס, ארייננגייענדיג אין קראפט מארגן, מאנטאג, מערץ 6, צו פארבעסערן די רייזעס פון לאנג איילענד רעיל ראָוד (Long Island Rail Road, LIRR) פאסאנזשירן. אונטער די גאווערנער'ס באפעל וועט LIRR פארמערן סערוויס דורכאויס די פארנומענע שעה'ן צו ברוקלין, און זיי וועלן אויף פארלענגערן די באנען וועלכע פארן צו פען סטאנציע, צולייגנדיג וואגאנען צו אלע באנען וועלכע זענען געווען איבערגעפולט לעצטע וואך און פארגרעסערנדיג די אנוועזנהייט פון קאסטומער סערוויס פארשטייער אין דזשעמעיקע צו פארבעסערן די קאמוניקאציע מיט פאסאנזשירן און צו פארמיידן געיאגטע טראנספערס.

"די היסטארישע עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן האט אפגעצייכנט די ערשטע פארברייטערונג פון LIRR סערוויס אין 100 יאר, און כדי צו פארזיכערן די נייע טערמינאל'ס הצלחה, מוזן מיר זיך אפרופן צו די באדערפענישן פון אונזערע פאסאנזשירן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס קומט זיך פאר פאסאנזשירן אן ערשט-קלאסיגע רייזע ערפארונג, און דאס איז וואס מיר ארבעטן שווער צו עררייכן מיט די ענדערונגען. מיר זענען אנטשלאסן צו פארזעצן זיך צו איינהערן, נאכפאלגן און מאכט ענדערונגען צו צושטעלן סערוויס פון א הויכע קוואליטעט, קאמוניקאציע און איינהייטליכקייט פאר ניו יארקער."

די LIRR פארמערט די סערוויס צו ברוקלין דורכאויס פארנומענע שעה'ן דורכן צולייגן נאך א באן מאנטאג און נאך איין מער דינסטאג, רעדוצירנדיג די צייט צווישן די באנען אויף די דזשמעיקע-ברוקלין שאַטל רוט צו א דורכשניט פון 8-9 מינוט אין די פארנומענע שעה'ן פון מאנטאג און נאך אפילו אפטערע סערוויס אנגעהויבן דינסטאג.

אין צוגאב פארלענגערט LIRR 17 באנען וועלכע שטעלן צו סערוויסעס ביי פּען סטאנציע, צולייגנדיג וואגאנען צו יעדע באן וואס ווערט איבערגעפולט. אריינרעכענענדיג פיר באנען וועלכע זענען שוין פארלענגערט געווארן לעצטע וואך און נאך 11 באנען וועלכע וועלן צוגעלייגט ווערן אין פארנומענע שעה'ן

אלץ רעזולטאט פון די געציהלטע פארמערונגען וועלן א סך הכל פון 32 באנען אויסגערעכנט אונטן האבן צוגעלייגטע וואגאנען אנגעהויבן פון מאנטאג, מערץ 6. דאס רעכנט אריין באנען וועלכע האבן זיך דערנענטערט צו ווערן איבערגעפולט און אזוי אויך באנען וועלכע זענען שוין איבערגעפולט. ברוקלין פאסאנזשירן ווערן געעצה'ט צו קוקן אויף די TrainTime עפּ צו זעהן די נייע דזשעמעיקע-אטלאנטיק טערמינאל אפצעיס.

די גאווערנער האט אויך געהייסן אז עס זאל זיין א גרעסערע אנוועזנהייט פון קאסטומער סערוויס פארשטייער – קאנצעטרירט אויף דזשעמעיקע – צו העלפן פאסאנזשירן מיט טראנספערס, אריינרעכענענדיג דאס אוועקשטעלן א פלאטפארמע קאנטראלער וואס וועט מעלדן ווען באנען פארן ארויס צו אטלאנטיק טערמינאל כדי צו פארקלענערן ד אויסזיכטן אז פאסאנזשירן וועלן פארפאסן די קומענדיגע באן. אין צוגאב צו עקזיסטירנדע LIRR קאסטומער סערוויס הילף זענען נאך 30 ארבייטער ארויסגעשיקט געווארן צו דזשעמעיקע און 10 צו גרענד צענטראל מעדיסאן צו ארויסהעלפן פאסאנזשירן דורכאויס די אריבערגאנג. די MTA וועט אויך פארזעצן צו אינפארמירן LIRR פאסאנזשירן איבער די ענדערונגען צו די סקעדזשולס אויף אלע פלאטפארמעס דורך די TrainTime עפּ, סאָושעל מידיע, די MTA וועבזייטל, איר נעטווארק פון דיגיטאלע סקרינס, אנאנסן און פאסאנזשיר אלערטס וועלכע ווערן געשיקט דורך אימעיל און טעקס מעסעדזשעס.

די ענדערונגען קומען מיט די ציהל צו זיכער מאכן אז דורכאויס פארנומענע שעה'ן וועט די פלאטפארמע ביי דזשעמעיקע פון וואו באנען פארן קיין ברוקלין האבן א באן ווארטנדיג ביי די פלאטפארמע מיט אפענע טירן און וועט נישט ארויספארן ביז א צווייטע באן איז אנגעקומען אויף די רעלסן קעגנאיבער. דורכאויס די נאכמיטאג/אוונט פארנומענע שעה'ן וועט אן ענליכע סיסטעם ווערן אוועקגעשטעלט ביי אטלאנטיק טערמינאל.

LIRR האלט אויף א דזשעמעיקע צענטראלע קאנטראל צענטער ( Jamaica Central Control Center, JCC) צו נאכפאלגן פון די נאענט די אומשטענדן און אפעראציעס פאר די פאסאנזשירן. דאס ערמעגליכט צו צוזעהן בשעת מעשה די פאסאנזשירן וועלכע גייען ארויף אויף די באנען צו קענען מאכן שאצונגען איבער וועלכע צוקונפטיגע פארבעסערונגען וואלטן געקענט זיין נוצבאר. אונטער די גאווערנער'ס באפעל וועט די MTA פארזעצן צו נאכפאלגן אלגעמיינע פאסאנזשירן נייגונגען און מאכן נויטיגע צופאסונגען צו די סקעדזשול צו פארזיכערן אז עס איז דא גענוג קאפאציטעט פאר די באדערפענישן פון פאסאנזשירן.

"ענדערונגען וועלכע זענען געמאכט געווארן אנגעהויבן פון סוף לעצטע וואך און די וועלכע זענען פלאנירט צו אריינגיין אין קראפט פון מאנטאג זענען צופאסונגען וועלכע ווערן געמאכט באזירט אויף ציפערן צו רעדוצירן די צייט ווי לאנג מען דארף ווארטן און פארקלענערן די אנגעלייגטקייט אין פלעצער וואו עס געשעהט", **האט קעטערין רינאַלדי, צייטווייליגע פרעזידענט פון לאנג איילענד רעיל ראָוד און פרעזידענט פון מעטראָו-נארט, געזאגט.** "מיר האבן געזאגט אין די פארגאנגענהייט אז מיר קוקן אויף יעדע באן און אויף יעדע רוט צו זעהן וואו פאסאנזשירן באקומען נישט די שטאפל פון סערוויס וואס זיי און אונז ערווארטן. די ענדערונגען זענען שריט אין די ריכטונג פון פארזיכערן א בעסערע ערפארונג פון יעצט און ווייטער, בשעת'ן פארזעצן צו צושטעלן מער אלגעמיינע סערוויס צו מער NYC טערמינאלן פון וויפיל LIRR האט סיי ווען צוגעשטעלט אין די פארגאנגענהייט. מיר וועלן פארזעצן צו נאכפאלגן די נייגונגען פון פאסאנזשירן און די אומשטענדן ביי די פלאטפארמעס, און מיר וועלן זיך צופאסן וואו נויטיג."

"מיר זענען פרייליך אז LIRR הערט זיך איין צו באקלאגענישן פון פאסאנזשירן און הויבט אן מאכן ענדערונגען צו פארגרינגערן די וואקסנדע ווייטאגן פון די נייע סערוויס פלאן", **האט די פארזיצער פון די LIRR פאסאנזשיר קאונסיל (LIRR Commuter Council), דזשעראר בארינגמאן, געזאגט.** "לעגערע באנען וועלן אנהויבן העלפן רעדוצירן אנגעלייגטקייט אין די פארנומענסטע צייטן, און די געשניטענע צייטן צווישן ברוקלין באנען וועלן העלפן ברענגען פאסאנזשירן וואו זיי דארפן אנקומען מיט קורצערע צייטן צו ווארטן און אן די צוזאמגעשטופטע מאסן וואס מיר האבן געזעהן. מיר קוקן ארויס צו

ארבעטן מיט LIRR צו מאכן נאך ענדערונגען און פארבעסערונגען צו אדרעסירן די זארגן וועלכע פאסאנזשירן האבן ארויפגעברענגט."

**LIRR צו פארלענגערן באנען**
לעצטע וואך האט LIRR פארלענגערט פיר באנען צו אדרעסירן אנגעלייגטע אומשטענדן. אנגעהויבן פון מאנטאג וועט LIRR פארלענגערן זיבן באנען צו פען סטאנציע פאר די פארנומענע שעה'ן צופרי און ניין באנען פאר די פארנומענע שעה'ן נאכמיטאג. די טויש אדרעסירט סיי וועלכע באן וואס איז אנגעקומען אדער איבערגעשטיגן די מאקסימום צאל פאסאנזשירן וואס עס איז געמאכט צו פירן — לויט ציפערן וועלכע זענען געזאמלט געווארן לעצטע וואך. פאר די ליסטע פון באנען מיט צוגעלייגטע וואגאנען זעהט אונטן.

דערנאך ווען די באנען דרייען זיך צוריק פון זייער דעסטינאציע אין לאנג איילענד אדער פען סטאנציע צו פארן אין די פארקערטע ריכטונג וועלן נאך עלף באנען האבן צוגעלייגטע וואגאנען, בענעפיטירנדיג פאסאנזשירן אלץ רעזולטאט פון די געציהלטע הערערונגען וועלכע זענען געשילדערט געווארן אויבן.

די רעיל ראָוד פאסט זיך צו צו אדרעסירן זארגן פון די פובליק ווי שנעלער מעגליך, און דאס האט ארייגערעכנט דאס פארלענגערן באנען. דערמיט איז LIRR געגאנגען פון 16 באנען וועלכע זענען אנגעקומען צו די מאקסימום אין איין טאג דורכאויס די פארנומענע שעה'ן צו בלויז איין באן איבערשטייגנדיג די מאקסימום ביי די סוף וואך פרייטאג, מערץ 3 — ארויס פון א סך הכל פון 289 באנען אין פארנומענע שעה'ן.

**ברוקלין סערוויס**
ברוקלין סערוויס וועט פארמערט ווערן אנגעהויבן פון מאנטאג, מיט נאך איין באן וואס וועט פארן צווישן דזשעמעיקע און אטלאנטיק טערמינאל און נאך איין באן וואס וועט אריינקומען אין סערוויס דינסטאג.

די צוגעלייגטע באנען וועלן למעשה רעדוצירן ווי לאנג פאסאנזשירן דארפן ווארטן צו א דורכשניט פון 8-9 מינוט מאנטאג – און נאך ווייניגער פון דינסטאג – פאר ברוקלין פאסאנזשירן דורכאויס די פארנומענע שעה'ן, און עס מיינט אז עס וועט זיין ווארשיינליך אז ווען אימער פאסאנזשירן וועלן אנקומען צו די פלאטפארמע אין דזשעמעיקע וועט זיין א באן גרייט צו ארויפגיין.

אין צוגאב צו די פארשנעלערטע טראנספערס צו ברוקלין וועט LIRR האבן פלאטפארמע קאנטראלערס וועלכע וועלן העלפן פאסאנזשירן אויף די פלאטפארמע פון רעלסן 11 און 12 פון וואו ברוקלין באנען לאזן זיך ארויס. די פלאטפארמע קאנטראלערס באשטימען ווען די באנען פארן ארויס. ווען די אומשטענדן ערלויבן דאס וועט א ברוקלין באן נישט ארויספארן פון די פלאטפארמע פאר א צווייטע באן קומט אן אויף די רעלסן קעגנאיבער פאר די פארנומענע שעה צופרי, און באנען זענען ערווארטעט צו ווארטן פאר צוויי מינוט פאר פאסאנזשירן וועלכע מאכן א טראנספער פון אנדערע פלאטפארמעס.

**סערוויס סוף וואך**
שבת, מערץ 3 – די ערשטע טאג פון סערוויס אויף א סוף וואך אונטער די נייע סקעדזשולס – איז די צייטליכקייט איבער די גאנצע LIRR סיסטעם געווען 97.85%, בשעת'ן אפערירן 697 באנען, 28% מער פון די צאל וואס איז געווען אין די פריערדיגע סקעדזשול. שבת, פעברואר 25 – די לעצטע שבת אונטער די פריערדיגע סקעדזשולס – איז די צייטליכקייט געווען 97.98% מיט 544 אפערירנדע באנען.

**גרענד צענטראל מעדיסאן סערוויס**
דורכאויס די פארנומענע שעה'ן זענען 114,153 פאסאנזשירן געפארן לעצטע וואך פון און צו גרענד צענטראל מעדיסאן, אינישפארנדיג א סך הכל פון ביז אזויפיל ווי 38,051 שעה פאר אלע פאסאנזשירן

צוזאמען אין די צייט ווי לאנג עס האט גענומען צו דעסטינאציעס אויף די איסט סייד אין פארגלייך צו די צייט ווי לאנג עס וואלט גענומען נוצנדיג פען סטאנציע.

**באנען אין די פארנומענע שעה'ן צופרי וועלכע זענען פארלענגערט געווארן לעצטע וואך**

- די 6:26 AM באן פון פאַר ראַקעווײ צו פען סטאנציע
- די 7:07 AM באן פון דזשעמעיקע צו אטלאנטיק טערמינאל
- די 7:15 AM באן פון בעבילאן צו גרענד צענטראל מעדיסאן
- די 7:28 AM באן פון ראַנקאַנקאמע צו פען סטאנציע

**באנען אין פארנומענע שעה'ן מיט צוגעלייגטע וואגאנען אנגעהויבן מאנטאג, מערץ 6, 2023**

- די 5:29 AM באן פון פארט וואשינגטאן צו פען סטאנציע
- די 5:42 AM באן פון ראַנקאַנקאמע צו גרענד צענטראל מעדיסאן
- די 5:49 AM באן פון לאָנג ביטש צו גרענד צענטראל מעדיסאן
- די 5:54 AM באן פון האָנטינגטאן צו גרענד צענטראל מעדיסאן
- די AM6:15 באן פון וואַנטאַ צו פען סטאנציע
- די 6:31 AM באן פון בעבילאן צו פען סטאנציע
- די AM6:54 באן פון וואַנטאַ צו פען סטאנציע
- די AM7:19 באן פון פארמינגדעיל צו פען סטאנציע
- די 7:28 AM באן פון ראַנקאַנקאמע צו פען סטאנציע
- די 7:31 AM באן פון בעבילאן צו פען סטאנציע
- די 7:54 AM באן פון פארט וואשינגטאן צו פען סטאנציע
- די 8:20 AM באן פון ליטל נעק צו פען סטאנציע
- די 8:25 AM באן פון ראַנקאַנקאמע צו פען סטאנציע
- די 8:31 AM באן פון בעבילאן צו פען סטאנציע
- די PM3:23 באן פון פען סטאנציע צו בעבילאן
- די PM3:38 באן פון פען סטאנציע צו בעבילאן
- די PM3:48 באן פון פען סטאנציע צו לאָנג ביטש
- די PM4:01 באן פון פען סטאנציע צו ראַנקאַנקאמע
- די PM4:10 באן פון פען סטאנציע צו בעבילאן
- די PM4:37 באן פון פען סטאנציע צו וואַנטאַ
- די PM5:07 באן פון פען סטאנציע צו פארט וואשינגטאן
- די PM5:16 באן פון פען סטאנציע צו בעבילאן
- די PM5:19 באן פון פען סטאנציע צו וואַנטאַ
- די PM5:52 באן פון פען סטאנציע צו פארט וואשינגטאן
- די PM6:03 באן פון גרענד צענטראל מעדיסאן צו העמפסטעד
- די PM6:57 באן פון פען סטאנציע צו בעבילאן
- די PM7:04 באן פון גרענד צענטראל מעדיסאן צו האָנטינגטאן
- די PM7:35 באן פון פען סטאנציע צו פארט וואשינגטאן

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן